בעזרת השם יתברך

גליון

# שיעורי חינוך

אידיש

פונעם ראש ישיבה שליט"א

פראקטישע עצות און הדרכות פאר עלטערן, מלמדים, מחנכים און מחנכות

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ס"ב

פרשת בחוקותי
שנת תשפ"ד

## שיעורים אין חינוך

מיטוואך פרשת בשלח, שנת תשפ"ג

## • א מלמד א ביזנעסמאן

**מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף זענען מיר ממשיך מיט'ן שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן מיטוואך פרשת בשלח, שנת תשפ"ג לפרט קטן, ביי א מסיבת 'שבע ברכות' וואס איז פארגעקומען אין תלמוד תורה היכל הקודש אין וויליאמסבורג יע"א, לכבוד די מחותנים און דער חתן וואס זענען איינגעשטעלט אין די מוסדות.**

### שטרענג איז רחמנות

איך האב נעכטן גערעדט מיט א מלמד פון שטעטל, זאגט ער מיר: **"איך קען נישט זיין שטרענג, איך האב רחמנות אויף די קינדער"**, האב איך אים געזאגט: **"שטרענג איז נישט דאס פארקערטע פון רחמנות! אויב דו קענסט נישט זיין שטרענג, די קינדער קענען טון וואס זיי ווילן, מאך איך צו די כתה! ווייל איך וויל נישט געבן קיין חינוך פאר די קינדער אז מען קען טון וואס מען וויל ווען א רבי רעדט. ווען דו וואלסט נישט געלערנט גענוג - ווייס איך נישט וואס איך וואלט געטון, ווייל איך האב דאך נישט קיין צווייטן וואס איז בעסער פון דיר, אבער אויב מען טאנצט אויף דיין קאפ, און מען קען טון וואס מען וויל, איז דאס דאך א הרוס אין חינוך, מאך איך צו די כתה און גיי אהיים!"**

פרעגט מיר דער מלמד: **"אבער ווי אזוי קען איך זיין שטרענג? דאס הארץ גייט מיך אויס פאר די קינדער!"** זאג איך אים: **"דאס איז נישט רחמנות; רחמנות איז טייטש 'דערבארעמקייט', און דאס וואס דו טוסט איז 'אום דערבארעמקייט', דאס מיינט שלעכט און טשעפען די קינדער".**

'שטרענג' רופט מען אין לשון הקודש: 'רחמנות'!"

ווייל אז מען לערנט אויס קינדער אז מען מוז זיצן און מען קען נישט רעדן, איז דאס רחמנות; דו לערנסט זיי אויס לעבן. די זעלבע זאך איז מיט עלטערן, אויב א קינד וויינט אז ער וויל נישט גיין שלאפן, און מען זאגט אים שטרענג: **"מען מוז גיין שלאפן"**, - איז דאס רחמנות, אויב מען לאזט אים אויספירן און בלייבן אויף - איז דאס שלעכטיגקייט!

### א רחמנות'דיגער טאטע

מיין קליינער זון וואס איז נאכנישט קיין צוויי יאר, האט געכאפט דעם ספעציעלן שפריצער, א מעדיצין צו ראטעוועון דעם אטעם. איך האב עס צוגענומען פון אים און ער האט אנגעהויבן וויינען, איך האב געזען אויף זיינע אויגן ווי ער קוקט מיך אן און ער וויינט, האב איך געטראכט צו מיר 'דיר דאכט זיך אז איך בין שלעכט, אבער איך בין דען שלעכט?! איך האב רחמנות אויף דיר! איך וויל נישט דו זאלסט זיך שפילן מיט דעם ווייל עס איז א סכנה פאר דיר'.

### שטרענג מיט די מויל

מען דארף אבער וויסן 'וואס מיינט שטרענג'; עס מיינט נישט געבן א כאפ אן א קינד'ס האנט און געבן א דרוק און א ציפ... עס מיינט רעדן מיט די מויל.

די וואך איז א אינגל געקומען צו מיר וויינען אז ער האט זיך שיער צובויגן זיין האנט, ווייל זיין רבי האט אים אנגעכאפט, האב איך גערעדט צום מלמד, זאגט ער מיר אז ער האט אנגעכאפט דעם קינד'ס האנט און דער קינד האט זיך געוואלט אויסרייסן פונעם מלמד'ס הענט, ער האט זיך גענומען דרייען זיין האנט און ער האט זיך עס אליין אויסגעדרייט, האב איך געזאגט פאר'ן מלמד: די בעסטע זאך איז ווען מען קען מחנך זיין מיט די מויל, מען זאגט נאכאמאל: **"מען מוז זיצן"**, **"אויב מען זיצט נישט וועל איך מוזן שיקן צום מנהל"**, אבער על כל פנים - נישט מיט הענט.

### די וועלט ווערט אפגעהיטן בזכות די מלמדים

עס איז פאר מיר א מורא'דיגע זאך, אז עס האבן זיך צוזאמגענומען אלע מלמדים זיך מיטפרייען מיט די שמחה פון דער חשוב'ער מנהל און דער חשוב'ער מלמד, און דער חתן וואס איז אויך א מלמד, אלע וואס האבן די זכיה צו זיצן מיט די קינדער און לערנען די הייליגע תורה.

דער זהר הקדוש זאגט (הקדמה דף א:) רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט **"די גאנצע וועלט ווערט אפגעהיטן בזכות די מלמדים און די קינדער וואס לערנען תורה"**, ווי עס שטייט אין פסוק (שיר השירים ב, יב): **"עת הזמיר הגיע"**, ווען דער אייבערשטער וויל באשטראפן די זינדיגע, **"וקול התור נשמע"**, הערט דער אייבערשטער דעם קול פון די קינדער וואס לערנען מיט זייערע מלמדים, די מלמדים לייגן אריין אין זיי אמונה, קדושה און יראת שמים, און בזכות דעם האלט דער אייבערשטער צוריק דעם שטראף.

### עס גייט אריין אין די קינדער

וואס דו זאגסט פאר די קינדער - גייט אריינגיין, דאס איז אן הבטחה פונעם אייבערשטן! מען וועט עס זאגן נאכאמאל, מען וועט עס זאגן נאכאמאל און מען וועט עס זאגן נאכאמאל - און צום סוף וועט עס אריין גיין.

ווען איך לייג שלאפן מיינע קינדער טייל איך עס איין אין צוויי, קודם לייג איך שלאפן די יונגערע [איך רעד נישט פון דער קליינער בעבי, איך רעד פון נורסערי, כתה ב' און ג'] און נאכדעם גיי איך צו די עלטערע. פריער ווען איך האב געלייגט שלאפן מיינע יונגערע קינדער האבן זיי געפרעגט אויב זיי מעגן האבן נאך א קוקי פאר'ן גיין שלאפן, האב איך זיי געזאגט **"יא"**, איך בין שוין געווען זיכער ביי מיר אז זיי גייען מאכן א ברכה פאר'ן עסן, למעשה נעמט מען דעם קוקי און מען נעמט עס אריין אין מויל אן א ברכה, האב איך זיי געזאגט: **"א ברכה!"** און האב געמאכט מיט זיי די גאנצע ברכה: **"ברוך אתה ... בורא מיני מזונות"**, און איך טראכט צו מיר, איך האב זיי דאך שוין אזויפיל מאל געזאגט אז מען דארף מאכן א ברכה פאר'ן עסן, און נאכאלץ פארגעסן זיי?!

אבער איך געב א קוק אויף מיינע עלטערע קינדער, דער צוועלף יעריגער בחור, און דער צוקונפטיגער חתן, זע איך ווי זיי מאכן שוין ברכות, ווי אזוי געשעט דאס אז ווען זיי זענען עלטער מאכן זיי שוין ברכות? זיי פאלגן דאך נישט! איך האב יעצט געמאכט מיט זיי א ברכה און איך זאג דיר צו אז אויב איך וועל זיי פופצן מינוט ארום געבן נאך א קוקי וועלן זיי ווייטער אריין נעמען אין מויל אן א ברכה, קומט אויס אז די קינדער הערן יא אדער הערן נישט? - דער ענטפער איז, זיי הערן יא, נאר מען דארף עס איבער זאגן נאכאמאל און נאכאמאל, מען זאגט: **"מאך א ברכה"**, און **"אויב מען עסט אן א ברכה איז עס אזוי ווי מען גנב'עט"**, צום סוף גייט דאס אריין גיין און זיי וועלן עס אנהייבן טון.

# המשך שיעורים אין חינוך

מיטוואך פרשת בשלח, שנת תשפ"ג

## אַ מְלַמֵּד אַ בִּיזְנֶעסְמַאן •

### אַן אַרְבֶּעט וָואס צָאלְט זִיךְ אוֹיס

חִינוּךְ אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס צָאלְט זִיךְ שְׁפֶּעטֶער אוֹיס, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי פָּאר יָאר זֶעט מֶען דִי נַחַת.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר מַיין וַוייבּ, אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן וֶוען מִיר וֶועלְן זַיין דִי 'זֵיידֶע און בַּאבֶּע', און דִי 'עֶלְטֶער זֵיידֶע און עֶלְטֶער בַּאבֶּע', דֶעמָאלְט וֶועט מֶען הָאבְּן נַחַת, עֶס וֶועט זַיין הַמְשָׁכַת הַדּוֹרוֹת, דִי קִינְדֶער וֶועלְן וַוייטֶער צִיעֶן אַ אִידִישׁ לֶעבְּן, און זִיךְ וַוייטֶער פִירְן עֶרְלִיךְ; מֶען מוּז אָבֶּער אִינְוֶועסְטִירְן אִין דִי קִינְדֶער.

יֶעצְט פַארְשְׁטֵייט מֶען דִי שַׁייְכוּת צְוִוישְׁן חָתָן כַּלָּה און מְלַמְּדִים; וַוייל וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן? אַז חָתָן כַּלָּה וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ, מֶען אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וְרִבְיָה, מֶען בְּרֶענְגְט קִינְדֶער, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין הַמְשָׁכַת הַדּוֹרוֹת, אָבֶּער וָואס וֶועט מֶען טוּן מִיט דִי קִינְדֶער? מֶען דַארְף זֵיי דָאךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט און עֶס אִיז דָא תּוֹרָה וּמִצְוֹות, - אִיז דָאס טוּעֶן דִי מְלַמְּדִים, דִי גַאנְצֶע צִיל פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן וֶוערְט נָאר צוּגֶעעֶנְדִיגְט אוֹיבּ מֶען הָאט גוּטֶע מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

### אַ חָתָן אַ מֵפִיץ

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער חָתָן אִיז סֵיי אַ מְלַמֵּד און סֵיי אַ מֵפִיץ. דֶער חָתָן זָאגְט מִיר, הַיינְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מִיט דִי שְׁטְרַיימְל, אִיז עֶר שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען הַפָּצָה! מֶען רוּפְט דָאךְ אַרַיין אַ חָתָן אִין אַלֶע שְׁטִיבְּלֶעך פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וַוייל מֶען וִויל נִישְׁט זָאגְן קַיין תַּחֲנוּן... יֶעדֶער רוּפְט אִים: **"קוּם דָא אַרַיין פַאר פִינְף מִינוּט"**, **"קוּם דָא אַרַיין פַאר פִינְף מִינוּט"**, עֶנְטְפֶערְט דֶער חָתָן: **"אִיךְ קוּם אַרַיין, אָבֶּער נֶעם אַ גִלְיוֹן, נֶעם אַ סֵפֶר, נֶעם אַ סִידוּר"**, און מֶען קֶען אִים נִישְׁט זָאגְן: **"גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא!"** וַוייל 'חָתָן דוֹמֶה לְמֶלֶךְ', און 'מֶלֶךְ פּוֹרֵץ גֶּדֶר', אִיז יֶעצְט טַאקֶע אַ גוּטֶע צַייט פַאר הַפָּצָה, מֶען דַארְף זַיין אִינְדֶערְהֵיים, מְקַיֵּים זַיין דֶעם (דְּבָרִים כד, ה): **"וְשִׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ"**, אָבֶּער בִּשְׁעַת מֶען אִיז סֵיי וִוי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ כַאפְּט מֶען אַרַיין צוּ מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ סֵפֶר, נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק, נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי תְּשׁוּבָה, מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יְלָדוֹ

טַייעֶרֶע חָשׁוּבְ'ע מְלַמְּדִים, אוֹיבּ דַארְפְט עֶטְץ נָאךְ חִיזוּק, בֶּעט אִיךְ עֶנְק, זָאגְטְס מִיר, אִיךְ וֵוייס דָאךְ נִישְׁט וִויפִיל חִיזוּק עֶנְק צוּ גֶעבְּן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִויפִיל מֶען דַארְף רֶעדְן, אִיךְ וִויל עֶנְק גֶעבְּן נָאךְ חִיזוּק און נָאךְ חִיזוּק.

דִי מְלַמְּדִים זָאלְן וִויסְן 'וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹקֶיךָ אֲנִי ה'', עֶס אִיז דָא אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט וִויסְן, נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, נִישְׁט דֶער מְנַהֵל, און נִישְׁט קֵיינֶער; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט וִויסְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דִיר אִין מֹחַ, צִי בַּיי דִיר אִין מֹחַ אִיז חָשׁוּב דַיין אַמְט, צִי עֶס אִיז דִיר צוּם הַארְצְן, אָדֶער אִיז עֶס כְּשׁוֹר לְעוֹל וְכַחֲמוֹר לְמַשָּׂא.

אַוַודַאי אִיז גְרִינְגֶער צוּ זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים און הָאבְּן אַ טָאג וַואקַאצְיֶע, אָבֶּער הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה צוּ זַיין אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער?

אַ שַׁבָּת מוּז מֶען הָאבְּן, מֶען דַארְף הָאבְּן אֵיין טָאג אַ וָואךְ וָואס מֶען רוּט זִיךְ אָפּ, אָבֶּער אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן 'וואו אִיז מַיין קָאפּ?' וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב וָואס זִיבְּן טֶעג אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵדֶר, כַאפְּט זִיךְ דִיר אָן אִינְמִיטְן חוֹל הַמּוֹעֵד אַ בֶּענְקְשַׁאפְט 'וואו זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער?' 'וָואס מַאכְן מַיינֶע תַּלְמִידִים?' וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): **"כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יְלָדוֹ"**, עֶס דַארְף דָאךְ זַיין 'כְּאִילוּ יְלָדוֹ', וִוי אַן אֵייגְן קִינְד!

### מִיט וָואס אִיז מַיין קָאפּ פַארְנוּמֶען?

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, (אִיךְ גֵיי נִישְׁט זָאגְן דִי נָאמֶען, און עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ וִויסְן וואוּ, וָואס און וֶוען), דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוִויסֶע מְלַמְּדִים וָואס מֶען קֶען רִיכְטִיג אָנְרוּפְן 'מְלַמְּדִים', נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעוֶוען מְלַמְּדִים וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס פַאר אַ בִּיזְנֶעס זֵיי מַאכְן, דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז 'עֶר אִיז נִישְׁט קַיין מְלַמֵּד', דִי קָאפּ אִיז אִים גֶעלִיגְן אִין קוֹיפְן הַייזֶער.

אַז דוּ וִוילְסְט זַיין אַ סוֹחֵר, דוּ וִוילְסְט קוֹיפְן הַייזֶער, אִיז עֶס זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'ע זַאךְ, קֶענְסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן מִיט הַייזֶער, אָבֶּער מִישׁ עֶס נִישְׁט אוֹיס מִיט מְלַמְּדוּת.

טְרַאכְט אַרַיין 'וָואס אִיז מַיין קָאפּ?' אִיז מַיין קָאפּ פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען עֶס בֶּעסֶער מַאכְן, וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען הָאבּ אַ שְׁפְּרַאךְ מִיט דֶעם קִינְד, וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען הָאבְּן אַ צוּגַאנְג צוּ דֶעם קִינְד וָואס אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶר דַארְף מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, און אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז 'עֶס נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז דֶער קִינְד דַארְף מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן', פַארְקֶערְט, דֶער קִינְד דַארְף מִיךְ דִי מֶערְסְטֶע הָאבְּן, דַארְף אִיךְ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען הָאבְּן אַ צוּגַאנְג צוּ דֶעם קִינְד, אָדֶער אִיז מַיין קָאפּ פַארְנוּמֶען מִיט קוֹיפְן הַייזֶער?!

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵּךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק וָואס אִיר גֶעבְּט פַאר דִי וֶועלְט.

מַיין זוּן אִיז אֵיין יָאר אַלְט, און אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס חִינוּךְ אִיז; אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער.

לְמָשָׁל אַז מַיין זוּן וִויל נִישְׁט עֶסְן פְלֵייש, וָואס טוּט מֶען אִין אַזַא צַייט? און אַזוֹי וַוייטֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז דַיין קִינְד וִויל נִישְׁט עֶסְן קַיין פְלֵייש וְכוּ'; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף פַארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער. אֲפִילוּ זֵיי וִוילְן נִישְׁט עֶסְן קַיין פְלֵייש וְכַדוֹמֶה, זָאלְן זֵיי עֶסְן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן.

מֶען דַארְף דָאס מַאכְן מִיט חָכְמָה, וָואס דָאס טוּעֶן גֶעוֶוענְלִיךְ דִי מַאמֶעס; זֵיי וֵוייסְן שׁוֹין וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיט אַ מַעֲשֶׂה'לֶע וְכַדוֹמֶה. מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה בִּיז זֵיי פַארְגֶעסְן אַז זֵיי וִוילְן נִישְׁט עֶסְן, אַזוֹי נַארְט מֶען אַרַיין אִין זֵיי דָאס עֶסְן, בִּיז זֵיי גֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ צוּ קֶענֶען עֶסְן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע כְּלַל אִיז דָא אִין חִינוּךְ, אַז עֶלְטֶערְן טָארְן נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אָדֶער בְּלָאזְן; אַז עֶלְטֶערְן זָאגְן 'יָא' אָדֶער 'נֵיין' קֶען מֶען נִישְׁט צוּרִיקְצִיעֶן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער בְּלָאזְן און וֵויינֶען וְכוּ'. וַוייל אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע דַארְף זַיין אַ וָוארְט, אַ 'יָא' אִיז אַ 'יָא' און אַ 'נֵיין' אִיז אַ 'נֵיין'.

עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַ גֶעזוּנְטֶערֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער וִוי אַ שְׁטַארְקֶע וָוארְט פוּן עֶלְטֶערְן; אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען דִי קִינְדֶער וֵויינֶען, מִיט דֶעם צֶעוַוארְפְן זֵיי דִי גַאנְצֶע חִינוּךְ און עָתִיד פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען דָאס קִינְד וִויל נִישְׁט עֶסְן, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד און זַיין שְׁטַארְק בִּיז דָאס קִינְד פָאלְגְט און עֶסְט אוֹיף.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע און עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, וַוייל אֲפִילוּ דִי וָואס וֵוייסְן וִוי אַזוֹי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער דַארְפְן אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ - זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ

בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואו זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אַז דוּ דַארְפְסְט גוּטֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער אִיז נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו׳, מכתב תקע)

## זָאל אַ טַאטֶע לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע בָּחוּרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס צוּ טוּן וֶועגְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע בָּחוּרִים. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאב אִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט לִיב גֶעהַאט וֶוען מַיין טַאטֶע הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַן עֶבְטֶער נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל בֶּאֱמֶת נָאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ הָאב פָּשׁוּט נִישְׁט הַנָאָה גֶעהַאט צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים, דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ מוּז טַאקֶע לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע בָּחוּרִים, אָדֶער זָאל אִיךְ זֵיי לָאזְן אַלֵיין אוֹיפְוַואקְסְן.

אִיךְ רֶעד דַוְקָא פוּן בָּחוּרִים, וַוייל אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מִיט קִינְדֶער פֶעלְט יָא אוֹיס צוּ לֶערְנֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וּבִפְרַט פַאר דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען דִי וֶועלְט אִיז בְּרֵייט אָפְן וְכוּ׳.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם כְּלַל: "מֶען דַארְף קוֹדֶם זִיךְ אַלֵיינְס מְחַנֵךְ זַיין"; ווַייז פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳ אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן קֵיין נִיבּוּל פֶּה – נִישְׁט דוּ אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן נִישְׁט דַיין וַוייבּ אוֹיף דִיר, כְּדֵי דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זֶען ווִי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

זֶע אַז עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁטוּבּ; עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין שׁוּם עַצְבוּת אוּן כַּעַס אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳ – דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער. וַוייל קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ זֵייעֶר עֶלְטֶערְן, וָואס זֵיי זֶעעֶן בַּיי דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע וֶועלְן זֵיי נָאךְ טוּן, אוּן וָואס זֵיי הֶערְן רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ רֶעדְן זֵיי נָאכְדֶעם אוֹיפְ׳ן גַאס. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵּיהּ", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט – הָאט עֶר גֶעהֶערְט אָדֶער פוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער פוּן זַיין מַאמֶע; דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע כְּלַל אִין חִינוּךְ צוּ זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל, ווַייזְן פַאר דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען ווִיל דֶער קִינְד זָאל לֶערְנֶען דַארְף דֶער טַאטֶע לֶערְנֶען – וֶועט דֶער קִינְד שׁוֹין בְּמֵילָא לֶערְנֶען.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע צִי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען בְּחַבְרוּתָא מִיט דַיינֶע בָּחוּרִים; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם בְּאוֹפֶן כְּלָלִי וַוייל יֶעדֶע קִינְד אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ. עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן לִיבּ צוּ לֶערְנֶען מִיטְ׳ן טַאטְ׳ן, זֵיי ווִילְן אַלְץ לֶערְנֶען נָאךְ שִׁיעוּרִים, ווִידֶערְאוּם זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן וְכוּ׳, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין זֵייעֶר נַאטוּר, אָבֶער דָאס אִיז זִיכֶער אַז אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דַיין קִינְד זָאל לֶערְנֶען – זָאלְסְטוּ אַלֵיינְס לֶערְנֶען, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶערְנֶען.

צְוֵוייטְנְס דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל עֶפֶּעס פוֹעֶלְ׳ן בַּיים קִינְד דַארְף מֶען דָאס אִין אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט, מִיט כֹּחַ קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף זֵיי וַוייל דָאס מַאכְט אַז שְׁפֶּעטֶער זָאלְן זֵיי דָאס פַּיינְט הָאבְּן וְכוּ׳, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ בַּאצְווִינְגֶען אַ קִינְד.

אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן וֶועג הָאט עֶר גֶע׳חַזֶר׳ט מִיט זַיין קִינְד: "אוֹיבּ דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר מְכַבֵּד זַיין מִיט טְרִינְקֶען זָאלְסְטוּ זָאגְן סַבְרֵי מָרָנָן וְכוּ׳", אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאט עֶר אִים גֶעלֵייגְט לַחַץ אוּן גֶעזָאגְט: "גֶעדֶענְק׳זְשֶׁע! גֶעדֶענְק׳זְשֶׁע!" וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן פַארְ׳ן קִינְד דֶעם בֶּעכֶער, הָאט דָאס קִינְד – אַנְשְׁטָאט זָאגְן סַבְרֵי מָרָנָן – אָנְגֶעהוֹיבְּן: "גֶעדֶענְק׳זְשֶׁע!"...

הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם טַאטְ׳ן דִי שִׂיחָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלב): "מַה שֶׁהַמְלַמְּדִים דּוֹחֲקִים אֶת הַתִּינוֹק בְּיוֹתֵר, עַל יְדֵי זֶה אֵינוֹ יוֹדֵעַ הַתִּינוֹק כְּלָל", דָאס וָואס מֶען דְרוּקְט אוֹיפְ׳ן קִינְד, דוּרְךְ דֶעם וֵוייסְט דֶער קִינְד גָארְנִישְׁט, "רַק צְרִיכִין לִהְיוֹת אֻמָּן גָּדוֹל בָּזֶה לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק בְּהַדְרָגָה בְּלִי אִיּוּם הַרְבֵּה, וּבְלִי דֹּחַק יוֹתֵר וְכוּ׳, וְעַל יְדֵי זֶה יִתְפֹּס יוֹתֵר בְּנָקֵל", מֶען דַארְף זַיין אַ חָכָם צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט מִיטְ׳ן קִינְד שְׁטַייטְלִיךְ, צוּבִּיסְלִיךְ, אָן לֵייגְן אוֹיפְ׳ן קִינְד אַ פַּחַד אוּן אָן לֵייגְן דְרוּק, אַזוֹי וֶועט עֶר בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶע׳חַזֶר׳ט מִיט דַיין זוּן אַבִּיסְל וֵוינִיגֶער מָאל אוּן אָן קֵיין דְרוּק וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט זָאגְן דֶעם ׳סַבְרֵי מָרָנָן׳, נָאר פוּן אַזוֹיפִיל מָאל אִיבֶּערְזָאגְן ׳גִידֶענְק׳זֶע׳, ׳גִידֶענְק׳זֶע׳, ׳גִידֶענְק׳זֶע׳, פוּן גְרוֹיס פַּחַד גֶעדֶענְקְט עֶר נָאר דָאס ווָארְט ׳גִידֶענְק׳זֶע׳".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו׳, מכתב תקמב)

## מַיין בָּחוּר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיז זַיין תּוֹרָה עֶפֶּעס וֶוערְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ בִּין כִּמְעַט זִיכֶער אַז מַיין בָּחוּר הָאט לֵיידֶער אַ סְמַארְטְפָאוֹן; מַיין בָּחוּר הָאט צְוֵויי חַבְרוּתוֹת מִיט וֶועמֶען עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, אָבֶער עֶס אִיז דָא מְחַנְכִים וָואס זָאגְן אַז דָאס לֶערְנֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד ווִי לַאנְג עֶר וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק זַיין טֶעלֶעפָאן, אִיךְ הַאלְט אָבֶער אַז עֶר זָאל יָא כָאטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן ווִי מֶער תּוֹרָה אוּן קְדוּשָׁה, אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ צָרָה וָואס רוּפְט זִיךְ "אִינְטֶערְנֶעט", דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּבּ גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער. דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת אוּן פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַ אִיד טָאר נִישְׁט הָאבְּן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער, אָדֶער סַיי וָואס פַאר אַ כֵּלִי וָואס מֶען קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין צוּם אִינְטֶערְנֶעט, וַוייל בַּיים סוֹף וֶועט עֶר אַלֶעס פַארְלִירְן וְכוּ׳, עֶר וֶועט זִיךְ גֶעטְ׳ן אוּן בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט.

דֶער ס"מ הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דֶער בָּחוּר קוֹיפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ. עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן קוּקְט דָארְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אִין אָנְהוֹיבּ זֶעט עֶס אוֹיס זֵייעֶר גוּט, עֶס גְלַאנְצְט אוּן עֶס שְׁמֵייכְלְט צוּם בָּחוּר, אָבֶער וֶוען מֶען בַּייסְט אַרַיין אִין דֶעם, מֶען קוּקְט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, וֶוערְט דֶער בָּחוּר זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן

צֶעבְּרָאכְן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַבִּי צוּ וֶוערְן פְרֵייליךְ, אָבֶער גָארְנִישְׁט קֶען צוּרִיק פְרֵיילִיךְ מַאכְן וְכוּ' וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים וֶוערְן אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין דְרָאגְס (סַמִּים) אִיז, וַוייל זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז זֵיי נִמְאָס, זֵיי שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ טַעַם מִיתָה, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר מְיוּאָשׁ, דָאס מַאכְט זֵיי לוֹיפְן צוּ דְרָאגְס, בִּיז זֵיי וֶוערְן פוּן דֶעם קְרַאנְק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, דִי עֶלְטֶערְן אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי צַעַר פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, וִוי שְׁטַארְק זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן, זֵיי ווִילְן נִישְׁט זַיין אַלֵיין, זֵיי ווִילְן אָנְהוֹיבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן; נָאר אֲפִילוּ סְתָּם מֶענְטְשְׁן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי אַ בָּחוּר הוֹיבְּט אָן זִיךְ אָנְטוּן מָאדְנֶע, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערְשׁ וִוי אַלֶעמֶען, וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס דֶער פְּשַׁט אִיז, וֶוען דֶער פְּשַׁט אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט – זֵיי ווִילְן זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶער עֶס נָאגְט זֵיי, עֶס פַּיינִיגְט פוּן אִינֶעוֵוייניג, דֶערְפַאר טוּעֶן זֵיי דִי אַלֶע זַאכְן.

וָואס אִיז יָא דֶער עֵצָה? דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ עֵצָה, אַ גְרִינְגֶע עֵצָה, אַ זִיסֶע עֵצָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט הָאבְּן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; זֶעט מֶען אַז תּוֹרָה קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אוּן יֶעדְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קיט)

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען כַאפְּט אַ קִינְד בַּיי אַ גְנֵיבָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין קְלֵיין זֶעקְס יֶערִיג אִינְגְל אִיז אֵיין טָאג אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן גֶעשֶׁעפְט אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט אַ נַאשׁ פוּן גֶעשֶׁעפְט, אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען אוּן מֶען דַארְף בַּאצָאלְן, מִיר זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט, בַּאצָאלְט אוּן אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם גֶעשֶׁעפְטְס מַאן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ אַזַא זַאךְ, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַ קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט טוּן מֶער אַזֶעלְכֶע זַאכְן? דָאס קִינְד בַּאקוּמְט גֶענוּג אוּן נָאךְ אִינְדֶערְהֵיים, עֶס פֶעלְט אִים בָּרוּךְ הַשֵּׁם גָארְנִישְׁט, מֵיינְט דָאס אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְן נָאךְ מֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן בְּדַרְכֵי הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "בַּיי מִיר אִיז חָשׁוּב מְחַנֵךְ צוּ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי תִּיקּוּן חֲצוֹת"; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, פְלֶעגְט עֶר וַוארְטְן זֵיי זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען פוּן חֵדֶר, וָואס דֶעמָאלְט פְלֶעגְט עֶר זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז בַּיי אִים פּוּנְקְט אַזוֹי חָשׁוּב וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת.

דוּ הָאסְט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען מִיט דַיין קִינְד צוּם גֶעשֶׁעפְט אוּן אִים גֶעהֵייסְן אִיבֶּער בֶּעטְן דֶעם גֶעשֶׁעפְטְס מַאן, אַזוֹי הָאסְטוּ אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

וֶוען מֶען כַאפְּט אַ קִינְד גַנְבְ'נֶען דַארְף מֶען אִים מְחַנֵךְ זַיין עֶר זָאל ווִיסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען; וֶוען מֶען מוּסָרְ'ט דֶעם קִינְד טָאר מֶען אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, נָאר מֶען דַארְף דָאס טוּן פְּרִיוַואט – טַאטֶע מַאמֶע מִיטְ'ן קִינְד. מֶען נֶעמְט אִים אַרַיין אִין אַ פְּרִיוַואטֶע צִימֶער אוּן דָארְט רֶעדְט מֶען מִיט אִים, אָבֶער אוֹיבּ מֶען מוּסָרְ'ט אִים בְּרַבִּים צְווִישְׁן דִי גֶעשְׁוִוסְטֶער קֶען עֶר וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, דֶעמָאלְט טוּט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף וְכוּ', מֶען מַאכְט נָאר מֶער קַאלְיֶע.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן פַארְגִיסְן טַייכְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; הֶער אַ וָוארְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ה' - מכתב שסב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876